פרשת כי תשא ||| שנת תשפ"ה לפ"ק ||| גליון צה

# הבינוני

שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

"להבין ולהשכיל לשמוע ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים"

הבינוני
שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

באידיש

גליון מיוחד
לקראת ימי הפורים

א בך בטחתי
ה על הניסים ועל הנפלאות
ח עבודה למחשבה

## בך בטחתי

### רבון העולמים ידעתי;

פורים שיינט אַריין די שטאַרקע פאַרזיכערונג: השי"ת גייט מיר העלפן!

יום שלישי פרשת צו י"ב אד"ב תשפ"ב

א

## תשועתם היית לנצח; די מגילה רופט אויס אַז השי"ת פאַרלאָזט נישט די וועלכע האָפן צו אים

### אַ האָפענונג אויף לדורות

אין דעם פיוט 'אשר הניא', נאָכ'ן ליינען די מגילה, זאָגט מען: **'תשועתם היית לנצח ותקותם בכל דור ודור'.** - די ישועה וואָס אידישע קינדער האָבן געהאַט דעמאָלט, איז געווען אן אייביגע ישועה, ס'איז געווען לנצח! און די האָפענונג וואָס דער נס פּורים האָט אַרויסגעברענגט ביי אידן אין גלות בלייבט איבער אויף דורי דורות. **ס'איז נישט בלויז אַ מעשה וואָס איז געווען אַמאָל, נאר ס'איז אויף אייביג!** ס'האָט געבויעט ביי אידישע קינדער די האָפענונג צו השי"ת אין אַלע דורות.

דערנאָך זאָגט מען ווייטער: **'להודיע שכל קוויך לא יבושו'** - די ישועה בימי מרדכי ואסתר איז געקומען צו מודיע זיין פאַר יעדן איד אויף דער וועלט, אַז יעדער איינער וואָס האָפט אַרויס צו השי"ת, וועט נישט קומען צו קיין בושה. **'ולא יכלמו לנצח כל החוסים בך'** - ס'וועט נישט זיין קיין כלימה פאר די אַלע וועלכע שיצן זיך אין דעם שאָטן פון השי"ת.

ס'ווערט דאָ אויסגערעכנט דריי לשונות פון בטחון: 'ישועה', 'קיווי', און 'חסיון'. די מעשה פון פּורים לערנט אויס פאַר אַלע קומענדיגע דורות, אַז די אַלע וואָס פאַרלאָזן זיך אויפ'ן רבוש"ע **וועלן נישט האָבן קיין בושה**, נאָר זיי וועלן האָבן אַ זיכערע ישועה.

### דער טעם פון קריאת המגילה לויט'ן רמב"ם

דער **בריסקער רב** (חידושי הגרי"ז סי' קצט) איז מסביר פאַרוואָס טאַקע און וואו קומט אַריין אַזאַ געוואַלדיגע שטיקל פון בטחון אינמיטן דעם פיוט פון שושנת יעקב?

נאָר ברענגט דער בריסקער רב וואָס דער **רמב"ם** שרייבט (הקדמה 'מנין המצוות הקצר'), ביי דער מצוה פון קריאת המגילה: **'וציוו לקרות המגילה בעונתה'** - די חכמים האָבן אונז געהייסן ליינען די מגילה אין איר צייט. **'כדי להזכיר שבחיו של הקב"ה ותשועות שעשה לנו, והיה קרוב לשועתנו כדי לברכו ולהללו'** - כדי מיר זאָלן דערמאַנען אַלע שבחים פון השי"ת און די ישועות וואָס ער האָט אונז געטון. ווען מיר ליינען די מגילה קומען מיר מודיע זיין אַז השי"ת האָט אויסגעהערט אונזערע תפלות. **ס'איז אַ מעשה שהי' אַז די גאַנצע קאַפּיטל פון 'אשרי' איז נתקיים געוואָרן!** ס'איז מקוים געוואָרן וואָס עס שטייט דאָרט 'קרוב ה' לכל קוראיו לכל אשר יקראוהו באמת, רצון יראיו יעשה ואת שועתם ישמע ויושיעם'. ווען מיר ליינען די מגילה דערציילן מיר, אַז **ס'איז אַמאָל געווען אַזאַ מעשה און ב"ה אַז ס'האָט פעסט געאַרבעט** אויף למעשה!

און דער רמב"ם איז ממשיך: **'וכדי להודיע לדורות הבאים שאמת מה שהבטחנו בתורה ומי גוי גדול אשר לו אלוקים קרובים אליו'** - מגילת אסתר קומט מודיע זיין פאַר די שפּעטערדיגע דורות, אַז ס'איז אמת וואָס דער אויבערשטער האָט אונז צוגעזאָגט אין דער תורה (דברים ד, ז): **כִּי מִי גּוֹי גָּדוֹל אֲשֶׁר לוֹ אֱלֹקִים קְרֹבִים אֵלָיו כַּה' אֱלֹקֵינוּ בְּכָל קָרְאֵנוּ אֵלָיו.** ס'איז נישטאָ נאָך אַזאַ פאָלק ווי אידישע קינדער וואָס זענען זייער נאָנט צו השי"ת, און ער הערט אויס זייערע תפלות אַלעמאָל.

זאָגט דער בריסקער רב אַז לויט דעם רמב"ם קומט דאָך אויס אַז **די גאַנצע מצוה פון קריאת המגילה איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן** צו מודיע זיין פאַר די דורות הבאים, די יסודות פון בטחון און האָפענונג צום אויבערשטן. דערפאַר זאָגט מען טאַקע אין דעם פיוט נאָכ'ן מגילה ליינען: "להודיע שכל קוויך לא יבושו ולא יכלמו לנצח כל החוסים בך" - ווייל דאָס איז די גאַנצע תכלית פון ליינען די מעשה פון דער מגילה!

### לאַכן, לאַכט דער וואָס לאַכט די לעצטע

דרייט זיך אַרום אַ איד וואָס גייט דורך אַ שווערע עת צרה. און אַלע מענטשן קוקן אויף אים מיט רחמנות בליקן אָדער לאַכן זיי פון אים.

אָבער דער איד אַליין ווערט בכלל נישט געפאַלן ביי זיך, ער שרייט אויס: איר קענט אַלע לאַכן, אָבער לאַכן באמת, לאַכט דער וואָס לאַכט דאָס לעצטע. **איר וועט זען אַז דער אויבערשטער גייט מיר העלפן!** וויאַזוי ער גייט מיר העלפן? איך ווייס נישט! אָבער איך שיץ זיך אין זיין שאָטן. **ס'איז מיר נישט וויכטיג צו וויסן יעצט די פּונקטליכע פּרטים וויאַזוי**, אָבער איך ווייס קלאָר אַז השי"ת גייט מיר העלפן!

דער עולם קוקט אָן דעם איד און מ'ווייסט נישט צי מ'זאָל לאַכן אָדער וויינען. מענטשן זאָגן: "ער איז נעבעך איינגערעדט. בעסער זאָל ער שלום מאַכן מיט'ן מצב". אָבער דער מענטש זאָגט מיט אַ זיכערקייט: **ס'איז מיר גוט! ווייל איך ווייס אַז דער אויבערשטער גייט מיך ראַטעווען.** דער רבוש"ע האַלט מיר אינמיטן פירן צו אַ ישועה.

### דער בוטח בה' גייט נישט האָבן קיין בושות

אַצינד, וואָס וואָלט געווען אויב דער מצב ווערט נאר ערגער און ס'איז טאַקע קיינמאָל גאָרנישט געוואָרן. ס'איז איין גרויסע דורכפאַל?! **וואָלט דער מענטש זיך געפינען אין אַ געוואַלדיגע מצב פון בושה.** ווייל ער האָט געזאָגט אַז דער אויבערשטער גייט אים

העלפן, און ס'האָט חלילה נישט פּאַסירט.

דאָס זאָגן מיר: 'להודיע שכל קוויך לא יבושו' - **דער בוטח בה' גייט קיינמאָל נישט ווערן פאַרשעמט!** אויב ער האָפט צום אויבערשטן באמת, אויף אַ ריכטיגן אופן. ער האָט בטחון, אָבער נישט ווייל ער וויל שטאַרק האָבן עפּעס אַ זאַך, נאר ווייל ער ווייסט קלאָר מיט אַ רואיגקייט אַז השי"ת גייט אים העלפן 'אויף דעם אופן' וואָס דער אויבערשטער וויל, און פּונקטליך 'ווען' דער רבוש"ע גייט מחליט זיין. טאָמער ווייסט ער דאָס מיט אַ זיכערקייט, 'להודיע' אַז ס'קען נישט זיין אַנדערש, **דעמאָלט גייט ער נישט אָנקומען צו קיין בושות!** דאָס איז די מעשה וואָס די מגילה קומט אונז לערנען.

## 'הלל' אויף דעם מציאות אַז השי"ת הערט אונז אַלעמאָל אויס

די **גמרא** זאָגט (מגילה יד, א) איינס פון די טעמים פאַרוואָס פּורים זאָגט מען נישט קיין הלל, ווייל **'קריאתה זו היא הלילא'** - ווען מ'לייענט די מגילה איז דאָס די הלל. ביי קריאת המגילה טוט מען לויבן און דאַנקן דעם אויבערשטן, די זעלבע זאַך וואָס מיר טוען ביי אמירת הלל.

לויט דעם יסוד פון דעם רמב"ם שטייט דאָ אַ געוואַלדיגע זאַך, אַז ווען מ'לייענט די מגילה **איז דאָס נישט בלויז אַ 'פרסומי ניסא' אויף אַ ספּעציפישע מעשה**, ס'איז נישט פּשט אַז מען באַצאָלט אַ חוב און מ'זאָגט: רבוש"ע איך דאַנק דיר אויף דעם וואָס דו האסט מיר געטון דעם נס. נאר די עיקר תכלית פון זאָגן דעם הלל דורך לייענען די מגילה איז **צו מודיע זיין אַז דער רבוש"ע פאַרלאָזט נישט קיין שום איד** וואָס פאַרזיכערט זיך אויף אים.

## מגילה פאַרציילט די געשיכטע פון בחירת עם ישראל

דער רמב"ם איז מסביר אַז די גאַנצע צרה וואָס מ'איז דורכגעגאַנגען און די גאַנצע ישועה וואָס השי"ת האָט געברענגט, איז נישט געווען קיין נייע מעשה, נאר **ס'איז בעצם געווען אַ ביאור אויף די פסוקים וואָס שטייט שוין אין פרשת ואתחנן:** 'ומי גוי גדול אשר לו אלקים קרובים אליו כה' אלקינו בכל קראינו אליו'. - דער רבוש"ע איז נאָנט צו אידישע קינדער און הערט זייערע תפלות.

און באמת זענען אויך די פסוקים פון ואתחנן נישט די נקודה אַליין, נאר **די גאַנצע 'תשועתם היית לנצח' איז אַ הסבר צו דעם ערשטן דיבור** וואָס השי"ת האָט געזאָגט אין די עשרת הדברות: **'אנכי ה' אלקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים'**. דער אויבערשטער האָט אונז אַריינגעלייגט אין מצרים און דערנאָך האָט ער אונז אַרויסגענומען פון דאָרט, כדי אונז צו בוחר זיין פאַר זיין פאָלק, אונז צו געבן די תורה און צו מאַכן פון אונז אַ 'ממלכת כהנים וגוי קדוש'.

## די תכלית פון דער צרה איז צו ווערן נאָנט מיט השי"ת

דער איד איז אויסגעקליבן געוואָרן, ער איז אויסגעלייטערט געוואָרן און ער איז אַצינד אן אַנדערע סאָרט בריאה. ער איז אַזאַ סאָרט באַשעפעניש וואָס **ווען ער געפינט זיך אין אַ צרה האָט דאָס אַ ספּעציעלע חשבון ווייל דער אויבערשטער וויל אים ברענגען צו עפּעס העכער**. דאָס איז די איינציגע פּשט פון זיין צרה! און אויב ער וועט זיך פירן ריכטיג אין דער עת צרה, **איז נישטאָ אַזאַ מציאות אַז השי"ת הערט נישט זיין תפלה!** ווייל די תכלית פון די גאַנצע צרה איז דאָך

# איך האָב נישט קיין מורא, ווייל דער אויבערשטער גייט מיר נישט פאַרלאָזן!

געווען אים צו ברענגען נאָנט צום רבוש"ע.

קומט אויס אַז די פרסומי ניסא פון קריאת המגילה **איז פּשוט אַ הסבר צו ערקלערן די יסודות הדת.** די גמרא זאָגט: זאָלסטו וויסן אַז ווען דו לייענסט די מגילה זאָגסטו הלל, און ווען דו זאָגסט הלל, איז דאָס נישט סתם צו לויבן און דאַנקן דעם אויבערשטן, נאר דורכדעם ביסטו מודיע אַז דער אויבערשטער העלפט פאר אַלע וואָס זענען חוסים בצלו.

## אַזויפיל סגולות, וואָס האָט געברענגט די ישועה?!

ס'איז דאָ נאָך אַ צווייטע חלק אין דעם יסוד וואָס דער רמב"ם שטעלט דאָ אַראָפּ. לאָמיר דאָס פאַרשטיין מיט אַ משל:

אַ איד האָט געוואַרט אויף אַ ישועה גאָר אַ לאַנגע צייט, און דורכאויס די צייט האָט ער פּרובירט אַסאַך סאָרט סגולות: פּערציג פרויען האָבן געמאַכט **הפרשת חלה**; ער האָט אויסגעזאָגט **תהלים** אין אַסאַך 'ימים המסוגלים'; ער האָט געגעבן **צדקה** פאר פאַרשידענע צוועקן; ער האָט סתם אַזוי **געדאַווענט** אַסאַך; ער איז געגאַנגען **זיך מזכיר זיין** ביי ערליכע אידן; ער איז געפאָרן צו **קברי צדיקים**; ער האָט מנדב געווען **יאָרצייט סעודות** פאר געוויסע צדיקים; ער האָט איבערגעדרוקט **אַ ספר פון אַ צדיק** וואָס האָט מבטיח געווען; אַזוי איז געווען אַגאַנצע רשימה, און צום סוף איז ער ב"ה געהאָלפן געוואָרן.

הפלא ופלא! דער איד איז עטליכע פערציג יאָר אַלט און ער האָט ב"ה זוכה געווען צו זיין ערשטע קינד, אַריבער צוואָנציג יאָר נאָך דער חתונה. די גאַנצע שטאָט פריידט זיך מיט, און אַלע פרעגן: וועלכע סגולה האָסטו געטון אַז דו האסט געהאַט אַזאַ אָפּענע ישועה שלא כדרך הטבע? אַסאַך מאָל איז די תשובה פון דעם מענטש: **כ'וועל דיר זאָגן דעם אמת, איך ווייס נישט!** כ'האָב געטון אַזויפיל סגולות, ס'איז מיר זייער שווער צו זאָגן, צי ס'איז די מופת פון דעם צדיק אָדער פון דעם אַנדערן צדיק. איך ווייס נישט!

## די ישועה איז געקומען צוליב די האָפענונג

ווען מען לערנט די מעשה פון דער מגילה, זעט מען אַז ס'איז דאָרט געווען אַסאַך פרטים איידער ס'איז געקומען די גרויסע ישועה. אידן האָבן **תשובה** געטון; זיי האָבן **געפאַסט** און זיי האָבן **געדאַווענט;** אויסערדעם איז דאך מרדכי הצדיק געווען **אַ צדיק** וואָס האָט מתפלל געווען; אסתר המלכה האָט געהאַט **מסירת נפש** צו גיין צום מלך 'כאשר אבדתי אבדתי', א.א.וו. אַז מ'טראַכט אַריין קען מען דאָס צעטיילן אויף אַזויפיל דעטאַלן, אפשר איז די ישועה געקומען

צוליב דאָס מסירת נפש פון אסתר? אפשר איז עס געקומען ווייל בשעת די סעודה מיט המן האָט אסתר אַרויסגענומען זיין ניצוץ הקדושה ווי ס'שטייט אין ספרים הק'?

דערפאַר זאָגט מען גלייך נאָכ'ן לייענען די מגילה: 'להודיע שכל קוויך לא יבושו'. ווילסט וויסן דאָס פּינטעלע פון דער ישועה?! **דאָס פּינטל איז געווען אַז אידן האָבן געהאָפט צום אויבערשטן!** ס'איז געווען 'כל החוסים בך', ס'איז געווען תקוה להקב"ה, דאָס איז די גאַנצע נקודה וואָס האָט געברענגט דעם נס.

## אַלע גוטע זאַכן זענען אַ לבוש צו דער האָפענונג

אַלע פּעולות וואָס מענטשן טוען: תשובה, תפלה, צדקה, מעשים טובים, **די אַלע זאַכן האָבן אַ נשמה.** די אַלע גוטע פּעולות זענען כלים אַז דער מענטש זאָל זיך מקשר זיין דורכדעם מיט אַ געוואַלדיגע ביטול צום רבוש"ע.

דאָס זאָגט מען אין 'שושנת יעקב': דו ווילסט וויסן באמת וואָס האָט געברענגט די ישועה?! **להודיע אַז ס'איז נישט די ספּעציפישע פּרט, ס'איז נישט די לבוש אַרום די נשמה, ס'איז די נשמה אַליין!**

ווען אַ איד טוט אַ גרויסע זאַך צו געהאָלפן ווערן, צום ביישפּיל ער גיט געלט פאַר צדקה, ליגט אונטער דעם אַ הבנה וואָס ער פאַרשטייט אַז **מיין ישועה גייט נישט קומען דורך די נאַרישע השתדלות**, ס'גייט נישט קומען ווייל איך וועל אָנרופן יענעם אויפ'ן טעלעפאָן, אָדער ווייל כ'גיי איבערקערן אַ וועלט. דער איד פאַרשטייט אַז **מיין ישועה גייט קומען בלויז פונעם אויבערשטן, און ער זוכט אַ מהלך וויאַזוי צו רעדן מיט'ן אויבערשטן דערוועגן.** ס'איז דאָ מענטשן וואָס רעדן צום אויבערשטן דורך זאָגן תהלים, און ס'איז דאָ ווען דער מענטש שפּירט אַז ער דאַרף טון אַ פּעולה פון אַ מעשה, ער דאַרף געבן צדקה. אָבער אונטער די אַלע פּעולות ליגט איין כוונה: האָפן צום אויבערשטן און זיך שיצן אין זיין שאָטן. דאָס איז די איינציגע זאַך וואָס העלפט!

## תפלה איז אַ גילוי דעת אַז איך בין אָנגעוויזן אויף השי"ת

דאָס זעלבע ווען אַ איד דאַוונט. פאַרוואָס העלפט תפלה?! תפלה העלפט דען ווייל דער אויבערשטער האָט חלילה נישט געוואוסט אַז דו האסט די צרה?! אדער אפשר העלפט תפלה ווייל דו האסט געקלאַפּט אויפ'ן טיר און האסט געזאָגט: רבוש"ע ס'איז צרות! **דערפאַר העלפט תפלה, ווייל דו האסט געבעטן אַזוי שיין?!**

אודאי נישט! תפלה העלפט **ווייל דאָס איז די זאַך וואָס מאַכט אַז דער מענטש זאָל זיין אָנגעהאָנגען אין דעם רבוש"ע.** עס דערמאַנט דעם מענטש אַז: "איך אַליין האָב נישט קיין וועג זיך צו העלפן, איך בין הילפסלאָז, כ'האָב נישט קיין שום מהלך, און מיין איינציגע וועג איז זיך צו ווענדן צום אויבערשטן".

דער מענטש באַקומט דורכדעם די הכרה אַז דער אויבערשטער האָט מיך געברענגט דעם חסרון, כדי אַז איך זאָל געדענקן אַז השי"ת פירט מיין לעבן אויף יעדן טריט און שריט, און ער וויל אַז כ'זאָל רעדן מיט אים. **ער וויל אַז איך זאָל אים זאָגן ביים דאַווענען: איך ווייס אַז ס'איז פון דיר!** איך ווייס אַז די תכלית דערפון איז, אַז כ'זאָל קומען נאָנטער צו דיר, און איינס פון די אופנים וויאַזוי צו ווערן נאָנטער צו דיר איז דורכדעם וואָס כ'בין מתפלל צו דיר וועגן דעם פּראָבלעם. איך ווייס אַז כ'דאַרף תשובה טון, איך דאַרף מחזק זיין

מיינע תפלות שחרית מנחה און מעריב. **אָט די הבנה וואָס ווערט איינגעקריצט אין דעם מענטשנ'ס הארץ, דאָס איז די סיבה פאַרוואָס תפלה העלפט.**

דאָס זאָגט אונז דער רמב"ם: **לערן אָפּ ריכטיג די מגילת אסתר.** און דאָס זאָגן מיר טאַקע נאָכ'ן ליינען די מגילה: 'להודיע שכל קוויך לא יבושו', אַז אידישע קינדער ווערן געהאָלפן בלויז דורך די מהלך פון האפן צום אויבערשטן.

## ב

# היעמדו דברי מרדכי; דער בוטח בה' גייט נישט ווערן פאַרשעמט

### דער עולם קוקט: וויאַזוי גייט זיך עס ענדיגן?!

אין ספרים ווערט געברענגט אַז ס'איז דאָ נאָך אַ שטאַפּל, אין דער סוגיא פון בטחון, וואָס מ'לערנט אַרויס פון פורים:

די פּסוקים פאַרציילן וויאַזוי ס'האָט אויסגעקוקט ווען מרדכי הצדיק האָט זיך נישט געביקט צו המן. מ'שטייט דאָ אין אַ מצב וואו אַלע ביקן זיך. ס'איז נישטאָ קיין ברירה ווייל ס'קען זיין סכנת נפשות, אָבער מרדכי האָט נישט מורא. מענטשן פרעגן אים: וואָס הייסט דו האסט נישט מורא, ביסט אַ משוגענער?! אָבער ער זאָגט: איך בין נישט קיין משוגענער, **איך בין אַ איד!** כי הגיד להם אשר הוא יהודי! כ'האָב גאָרנישט מיט אים איינגעלייגט, איך האָב אַ רבוש"ע, און המן קען מיר גאָרנישט טון.

דער פּסוק זאָגט אַז די עבדי המלך זענען געשטאַנען אַרום און האָבן זיך צוגעקוקט: 'לראות היעמדו דברי מרדכי'. - **ס'איז זיי געווען אינטערעסאַנט צו זען, וואָס גייט דאָ זיין דער סוף?!** זיי האָבן געוואַרט צו זען אויב מרדכי וועט זיין גערעכט אָדער נישט.

### דער מעסעדזש פון פורים; עס אַרבעט יאָ!

און וויאַזוי האָט זיך די מעשה טאַקע געענדיגט?! ביים סוף מגילה שטייט: **'ורבים מעמי הארץ מתיהדים כי נפל פחד היהודים עליהם'** - זאָגן די מפרשים אַז 'רבים' מיינט אויף לשה"ק 'חשוב'ע'. דאָס גייט אַרויף אויף די שרים וואָס האָבן צוגעשט געוואָלט זען 'היעמדו דברי מרדכי', און **אַצינד האָבן זיי געזען אַז 'עמדו דברי מרדכי'!** המן האָט געהאַט אַ מפּלה און מרדכי איז דערהויבן געוואָרן. זענען זיי געלאָפן און געוואָרן אידן, ווייל זיי האָבן דערהערט וואָס איז די באַדייט פון זיין אַ איד: **אָה, הייסט עס אַז ס'אַרבעט! מרדכי ווייסט וואָס ער רעדט!** אויב אַזוי ווילן מיר אויך זיין פון דעם פאָלק.

דאָס איז נאָך אַ שטאַפּל אין דעם 'להודיע שכל קוויך' - דער נס פורים איז מודיע פאר אַלע מענטשן וועלכע שטייען אַרום און זיי קווענקלן נאָך, נישט וויסנדיג וואָס ס'גייט זיין דער סוף מיט'ן בעל בטחון. **דעמאָלט איז נתברר געוואָרן פאַר אַלע וואָס האָבן געהאַט ספיקות, אַז 'כל קוויך לא יבושו'.** מרדכי הצדיק ווייסט גאָר גוט וואָס ער רעדט!

### אויסשרייען מיט אַ זיכערקייט: ס'גייט זיך ענדיגן גוט!

די מעשה פון דער מגילה פאַרציילט: אַז ס'איז געווען אַ איד, מרדכי הצדיק, **וואָס האָט נישט מורא געהאַט פון גאָרנישט**, ווייל ער האָט געהאַט אַ הונדערט פּראָצענטיגע זיכערקייט, ער איז געווען קלאָר אַז ס'איז נישטאָ אַזאַ מציאות אַז איינער זאָל מיר קענען עפּעס טון. וואָס האָב איך מורא צו האָבן?! און **שפּעטער האָט זיך טאַקע אַרויסגעשטעלט אַז ער האָט נישט געהאַט קיין בושות!** די אַלע וואָס געלאַכט פון אים, זיי האָבן געהאַט די בושות.

דאָס איז זייער אַ גרויסע יסוד ביי אַ איד, און ס'איז איינס פון די שטאַרקע לימודים פון דער מגילה, אַז דער מענטש דארף קענען שטיין אויף אַ פּלאַץ וואו ער זעט נישט קיין שום ישועה בדרך הטבע, און **דאָרט זאָל ער זאָגן מיט אַ געוואַלדיגע רואיגקייט און מיט אַ מורא'דיגע שמחה אַז דער אויבערשטער גייט מיר העלפן!** ס'קען טאַקע געדויערן צייט. בטחון מיינט נישט אַז איך גיי ביז מאָרגן געהאָלפן ווערן. בטחון איז טייטש אַז: **יעדער איינער קען לאַכן, אָבער דער אויבערשטער גייט מיר העלפן.** ווילאַנג ס'וועט געדויערן ווייס איך נישט, אָבער ער גייט מיר העלפן! ענק אַלע גייען דאָס זען און איר וועט זיך שעמען. איך וועל זיך נישט שעמען!

בדרך כלל האָט אַ מענטש נישט ליב דאָס צו זאָגן בפירוש, ווייל ער טראַכט אַז אפשר וועל איך האָבן בושות צום סוף, אָבער **איינער וואָס קען דאָס יאָ זאָגן מיט אַ זיכערקייט, איז אויף אים געזאָגט געוואָרן די הבטחה: 'ולא יכלמו לנצח כל החוסים בך'** - ער גייט נישט האָבן קיין בושות!

### רובאַשקין איז נישט געוואָרן פאַרשעמט

נישט אַזוי לאַנג צוריק האָט כלל ישראל מיטגעהאַלטן וויאַזוי הרה"ח רבי **שלום מרדכי רובאַשקין** שליט"א איז געזיצן אין תפיסה און זיך נישט אַוועקגערירט פון זיין חובת הלבבות. יעדער וואָס איז אים געקומען באַזוכן האָט געהערט פון אים איין זאַך: **ווי קלאָר ס'איז אַז ער גייט האָבן אַ ישועה,** הגם ער ווייסט נישט וויאַזוי.

ס'איז געווען אַזעלכע וואָס האָבן רחמנות געהאַט, אַנדערע האָבן געוויינט און געגעבן חיזוק, מ'האָט נישט געוואוסט פּונקטליך וויאַזוי צו רעאַגירן, אָבער ער האָט געהאַט איין מעסעדזש פאר אַלע באַזוכער: **"איך ווייס הונדערט פּראָצענט אַז איך גיי האָבן אַ ישועה".** פון וואו ווייסטו הונדערט פּראָצענט? **"ווייל איך לערן חובת הלבבות!".**

אָט די שטאַרקע אמונה איז בכלל נישט שוואַכער געוואָרן, אויך נאָכדעם וואָס ס'איז אַריבערגעגאַנגען איין יאָר און נאָך אַ יאָר. איר ווייסט וואָס ס'הייסט אַכט יאָר?! אָבער ביי אים האָט זיך גאָרנישט געטוישט. ס'איז דורכגעגאַנגען אַסאַך צייט, **נאָך און נאָך פּעולות זענען דורכגעפאַלן.** מ'האָט אַריינגעלייגט מיליאָנען דאָלאַרן צו שאַפן בעסערע אַדוואָקאַטן, **אָבער ס'איז געגאַנגען לטמיון.** ווען מ'איז אים געקומען באַזוכן אַ שעה נאָכדעם וואָס אַ השתדלות איז דורכגעפאַלן האָט מען אים ווייטער געטראָפן מיט די זעלבע זיכערקייט. "אָקעי, כ'האָב געמיינט אַז דאָס גייט העלפן, און זעט אויס אַז ס'איז נאָכנישט געווען די צייט, אָבער אַ ישועה גייט זיכער זיין".

אַ איד וואָס לעבט מיט אַזאַ קלאָרקייט אין אמונה וועט טאַקע זיין 'לא יבושו לנצח'. די אַלע מענטשן וואָס האָבן אים אָנגעקוקט משוגע פאר זיין אמונה, זיי האָבן געהאַט בושות נאָך די באַפרייאונג. **ער איז נישט פאַרשעמט געוואָרן!**

### אשרי איש שלא ישכחך!

צו דערהערן וואָס פאַראַ שטאַרקע יסוד דאָס איז אין דער גאַנצער אידישקייט, קען מען זען דערפון אַז **מ'זאָגט דאָס ביי מוסף פון ראש השנה, ביי די פּסוקים פון זכרונות,** וואָס איז לכאורה דאָס וואָרימסטע שטיקל אין דעם נוסח התפלה פון גאַנץ ראש השנה און אפשר גאָר פון די גאַנצע הייליגע טעג. מ'ברענגט דאָרט אַרויס די מורא'דיגע נאָנטקייט און ליבשאַפט פון דעם רבוש"ע צו אידישע קינדער. יעדע פּסוק פון די זכרונות רעדט וועגן אַזאַ קרבה און אהבה אַז ס'איז גאָרנישט שייך דאָס צו מגדיר זיין.

אין דער ברכה פון זכרונות זאָגט מען: **'אשרי איש שלא ישכחך ובן אדם יתאמץ בך'** - ווייסט ווער ס'איז באמת גליקליך?! אַ מענטש וואָס גייט דורך אַ צרה אָבער ער פאַרגעסט נישט פון דעם אויבערשטן אפילו אינמיטן די שוועריגקייט. **ער איז 'מתאמץ בך' און האַלט זיך אָן צום רבוש"ע אפילו ווען ער געפינט זיך אין דעם חושך.** ער זעט נאָכנישט ווילאַנג ס'גייט נעמען, און ווען ס'גייט קומען די ישועה, אָבער ער זאָגט: **ס'גייט מיר נישט אָן וואָס מ'זעט אַרום און אַרום,** די תורה טוישט זיך נישט אפילו ווען איך גיי יעצט דורך אַ צרה; די תורה טוישט זיך נישט אפילו אויב איך האָב ח"ו געטון אַן עבירה. דער רבוש"ע האָט מבטיח געווען אַז ער גייט העלפן יעדן וואָס פאַרלאָזט זיך אויף אים. **דעריבער בין איך זיך בוטח אויף אים, און כ'בין זיכער אַז ער גייט מיך העלפן, טראָצדעם וואָס איך ווייס נישט ווען און וויאַזוי!** אַזאַ איד איז גליקליך - אשרי איש שלא ישכחך!

### נישט אָפּלאָזן די האָפענונג קיינמאָל

מ'זאָגט ווייטער אין זכרונות: **'כי דורשיך לעולם לא יכשלו ולא יכלמו לנצח כל החוסים בך'.** דאָס איז ממש וואָרט ביי וואָרט ווי דער נוסח פון 'שושנת יעקב'! איינער וואָס איז דורש דעם אויבערשטן, ער ווייסט אַז דער רבוש"ע איז דאָ, **וועט ער קיינמאָל נישט ווערן פאַרשעמט.** דאָס טוישט זיך נישט אָפּגעזען ווי טונקל ס'איז, און ווי פאַרוויקלט דער מענטש איז בנפש: **אפשר בין איך טאַקע אַליין שולדיג אין דער גאַנצער זאַך, אָבער למעשה גיי איך דורש זיין דעם אויבערשטן!** -אַזאַ איד וועט קיינמאָל נישט האָבן קיין בושה, כי דורשיך לא יכשלו, ווייל ער איז געווען פון די 'חוסים בך'!

ממש די זעלבע ווערטער זאָגט מען יעדן טאָג ביי דער ברכה פון אהבה רבה, ווען אַ איד בעט פאַר הצלחה ברוחניות, ויחד לבבינו לאהבה וליראה את שמך, און מען פירט אויס: **'למען לא נבוש ולא נכלם ולא נכשל לעולם ועד'** - פאַרוואָס?! ווייל: **'כי בשם קדשך הגדול והנורא בטחנו'!**

און אַזוי איז אויך דאָס לשון פון דער ברכת על הצדיקים ביי שמו"ע: **'ותן שכר טוב לכל הבוטחים בשמך באמת, ולעולם לא נבוש'** - פאַרוואָס?! ווייל: **'כי בך בטחנו'!** דאָס איז אַ געוואַלדיגער יסוד אין דאָס לעבן פון אַ איד, און **דאָס לערנען מיר פון די מגילה אויפ'ן שטאַרקסטן אופן,** אַז די 'חוסים בך' זענען 'לא יכלמו לנצח'! ס'איז נישטאָ קיין יוצא מן הכלל!

# סוף דבר הכל נשמע; פאר אַ נאַר ווייסט מען נישט קיין האַלבע אַרבעט

## אַ תשובה אויף די באַקאַנטע פראַגע

אָבער ווען מ'לערנט דעם יסוד ווערט אַלעמאָל ערוועקט ביי מענטשן אַ מחשבה, און אַמאָל הערט מען פון אַנדערע די שאלה און מ'האָט נישט קיין פונקטליכע ווערטער צו ענטפערן דערויף: "אָבער יענער האָט דאָך געדאַוונט און ער איז נישט געהאָלפן געוואָרן?! **יענער האָט געהאַט בטחון און כ'זעה נישט אַז ער האָט געהאַט אַ ישועה?!** און וואָס טוט זיך מיט ערליכע אידן וואָס האָבן צרות?!".

מ'האָט שוין אַסאַך גערעדט וועגן די תשובה אויף די שאלות, אָבער אַמאָל הערט מען די שאלה און ס'איז נישט שגור על לשונו די תשובה, און באמת דאַרף מען יאָ האָבן אַ קלאָרע ענטפער, ס'זאָל זיין מחודדים בפיך: וויאַזוי קען איך זיין זיכער אַז 'דורשיך לא יכשלו' און אַז 'לא יבושו לנצח כל החוסים בך'?!

## מ'האַלט נאָך אינמיטן פון דער מעשה

ס'איז אייגנטליך טאַקע אַן אריכות'דיגע סוגיא, אָבער איינס פון די פשוט'ע תשובות וואָס מ'קען אַלעמאָל ענטפערן איז דער כלל אַז: **פאר אַ נאַר ווייסט מען נישט קיין האַלבע אַרבעט!** ווען דו זעהסט אַז די ישועה איז נאָכנישט אָנגעקומען, איז פשט דערפון אַז מ'האַלט נאָך אינמיטן. ווען ס'וועט זיין דער סוף, וועסטו זען אַז ס'איז קיינמאָל נישטאָ דאָ קיין יוצא מן הכלל. דו האסט אַ קשיא?! דאָס נעמט זיך ווייל פאר אַ נאַר ווייזט מען נישט קיין האַלבע אַרבעט. **דער סוף וועט אַלעמאָל זיין גוט.**

וועט דער מענטש פרעגן: "אָבער איך קען אַ מעשה וואָס דער סוף איז אויך נישט געווען בסדר?!" אָט די קשיא אַליין נעמט זיך פון אַ געוואַלדיגע חוסר בטחון, ווייל די עצם מושג פון נישט האָבן סבלנות ביז'ן סוף פון דער מעשה איז דער היפוך פון 'כל קוויך', און פון 'כל החוסים בך'.

## דער חברותא איז געקומען שפּעט

משל למה הדבר דומה: אַ איד האָט אַ חברותא וואָס ער לערנט שוין מיט אים צוועלף יאָר. **יעדן אינדערפרי ניין אַזייגער איז דער חברותא דאָ, אָן קיין חכמות.** דאָס רעכנט אַריין זונטאָג'ס מיט פרייטאָג'ס און אַלע טעג אינמיטן... ווען דער חברותא האָט חתונה געמאַכט אַ קינד, אין דעם יום החופה איז ער געווען אין ביהמ"ד ניין אַזייגער, און אַ טאָג נאָך די חתונה איז ער אויך געווען אויף זיין פּלאַץ ניין אַזייגער. אויך ווען ער האָט נישט גוט געשפּירט איז ער געווען דאָ ניין אַזייגער.

אַ שיינעם טאָג זיצט דער איד אויף זיין פּלאַץ און ער וואַרט. ס'איז שוין 15 מינוט נאָך ניין אַזייגער, און דער חברותא איז נאָכנישט אָנגעקומען.

פּונקט קומט אַריין אַ פרעמדער מענטש אין שול און ער פרעגט: "דו זיצט דאָ יעדן טאָג אַליין אינדערפרי?!" זאָגט ער: "ניין, געווענליך לערן איך מיט אַ חברותא ניין אַזייגער". יענער קוקט אויפ'ן זייגער און זאָגט אים: "אָה, הייסט עס אַז דיין חבר דאַרף קומען דאָ ניין אַזייגער, און יעצט איז שוין פופצן מינוט שפּעטער... אַזוי' אַרבעט עס מיט די חברותות.. איך האָב אויך אַזאַ סאָרט חברותא, איין טאָג קום איך נישט און איין טאָג קומט ער נישט, אַזוי גייט עס מיט חברותות..."

זאָגט אים דער איד וואָס זיצט און וואַרט אויפ'ן חברותא: **מיין חברותא קענסטו נישט!** די סיבה פאַרוואָס מיין חברותא האָט געשפּעטיגט איז נישט ווייל ער איז אויפגעשטאַנען שפּעט, נישט ווייל ער האָט נישט קיין נערוון, און נישט ווייל ער איז געווען אין שפּיטאָל אַגאַנצע נאַכט. **פאַרוואָס ער איז נישטאָ?! כ'ווייס נישט, אָבער איין זאַך קען איך דיר זאָגן, ס'האָט נישט קיין שום שייכות מיט די סיבות פאַרוואָס דיין חברותא קומט נישט אן.** איך בין זיכער דערינען און כ'האָב נישט קיין שום ספק בדבר!

און דער איד איז ממשיך: די סיבה פאַרוואָס ער איז נאָכנישט דאָ, איז נישט צוליב עצלות, נישט ווייל ער טראַכט נישט וועגן מיר, און נישט ווייל ער איז צו שטאַרק פאַרנומען אָדער ער איז צו שטאַרק מיד. **די אַלע זאַכן זיכער נישט!** ווען דו גייסט געוואויר ווערן די סיבה פאַרוואָס ער איז נישט געקומען, גייסטו זיך שעמען מיט די ווערטער וואָס דו האסט יעצט געזאָגט!

## אַז מ'ווייסט מיט וועמען מ'האַנדלט איז נישטאָ קיין קשיא

דער מענטש זאָגט די ווערטער מיט אַזאַ זיכערקייט ווייל ער ווייסט אַז: **איך קען דאָך גוט מיין חברותא!** איך האָב נישט קיין שום ספק אַז ס'קומט נישט צוליב פוילקייט וכדומה. אפילו דער חברותא גייט בכלל נישט קומען היינט, וועט זיך גאָרנישט רירן אין האַרץ פון דעם חבר. ער גייט נישט יעצט טראַכטן: "פאַרוואָס מאַכט ער ליצנות פון מיר? ער מאַכט מיר דאָ סתם וואַרטן! ווייסט וואָס כ'האָב אַלץ אָפּגעלאָזט היינט כדי צו זיין דאָ צייטליך און פּונקט היינט קומט ער מיר שפּעט?".

אויב דו קענסט יענעם גוט, **דעמאָלט איז נישטאָ קיין שום טינא בלב אפילו אויף אַביסל.** הגם דו ווייסט נישט די פּרטים פאַרוואָס ער איז נישט געקומען, אָבער **דו ווייסט זיכער אַז ער האָט גאָר אַ שטאַרקע סיבה.**

## וויז נישט פאַר'ן נאַר די יסודות פונעם בנין...

דאָס הייסט אַז פאַר איינעם וואָס איז נישט קיין נאַר, קען מען יאָ ווייזן אפילו אַ האַלבע אַרבעט. אָבער פאַר'ן נאַר קען מען דאָס נישט ווייזן, ווייל ער זעט בלויז אויף דער יעצטיגער מינוט.

אויב האַלט מען אינמיטן בויען אַ גרויסן בנין, מ'גראָבט אַראָפּ די טיפע יסודות, און דער נדבן וואָס האָט געגעבן אַפּאָר מיליאָן דאָלער פאַר'ן בנין איז אַ נאַר, **דאַרף מען זיכער מאַכן אַז ער זאָל נישט דורכפאָרן די גאַס.** ווייל ער גייט שרייען קולות: "וואָס? מ'בויעט אויף אַראָפּ?! כ'האָב דאָך געזאָגט אַז מ'זאָל בויען אויף אַרויף! איך געב נישט קיין געלט פאר דעם בנין!"...

אָבער אויב דער נדבן איז אַ חכם, איז **אדרבה, ברענג אים אַהער!** זאָל ער זען ווי טיף די יסודות ווערט אַראָפּגעגראָבן. דאַרפסט אים גאָרנישט זאָגן, ער וועט שוין גוט פאַרשטיין אַז דאָ קומט אַ מאַסיווער בנין.

## בשעת דעם נסיון גראָבט מען יסודות פאַר'ן גרויסן בנין

דאָס זעלבע שפּילט זיך אָפּ ווען אַ מענטש געפינט זיך נאָך אינעווייניג אין דעם חושך, און דער חושך קען געדויערן אַסאַך צייט. **דער נאַר טאָר דאָס נישט זען, ווייל ער בויעט פאַלשע מסקנות דערפון.** ווען מ'זאָגט אים: "לאָמיר דיר מסביר זיין", ענטפערט ער: "זיי מיר נישט מסביר, כ'האָב שוין פאַרשטאַנען"... אַזוי' ענטפערט אַ נאַר!

ווען אַ מענטש גייט דורך אַ שוועריגקייט, זאָל ער וויסן אַז **יעצט גראָבט מען דאָ אויף יסודות!** יעצט איז די צייט וואָס גייט דיך צוברענגען צו דעם פּלאַץ וואו דו דאַרפסט אָנקומען. ריכטיג אַז ס'איז טאַקע זייער שווער, אָבער איינס פון די 'אלף בית' פון בטחון איז דער כלל: אַז **יעדע צרה וואָס דער אויבערשטער ברענגט אויפ'ן מענטש איז כדאי צו נאָענט ברענגען דעם איד מיט'ן רבוש"ע.** און וויפיל מער דער איד וועט טאַקע ווערן נאָנטער צום אויבערשטן וועט ער צוביסלעך מער צוקומען צו אַלע סאָרט טוב, סיי בעולם הזה און סיי בעולם הבא. **דאָס איז די תכלית און די מהות פון די נסיונות וואָס השי"ת ברענגט אויפ'ן מענטש.** ס'ברענגט אים צו הכנעה, וואָס הכנעה ברענגט צו קרבת אלקים, וואָס קרבת אלקים ברענגט צו דביקות, און דביקות ברענגט צו אַלעס גוטס בזה ובבא.

קומט אויס אַז ביי יעדע איינציגע נסיון וואָס אַ מענטש גייט דורך, **האַלט ער יעצט אינמיטן די מעשה.** און אויב די מעשה געדויערט 15 יאָר, נו, וואָס איז די קשיא?! אַז ס'געדויערט לענגער דאַרף מען העכסטנס זיין אַ גרעסערער חכם. **אין הכי נמי, מ'דאַרף האָבן מער סבלנות. אָבער פאַרוואָס איז דאָס אַ קשיא?!** וועלכע קשיא?! איך כאַפּ נישט וואָס דו האסט געפרעגט... אַ מענטש איז געקומען אויף דער וועלט נישט כדי הנאה צו האָבן, און נישט אַז אַלעס זאָל אים פאָרן פּונקט ווי ער וויל מיט'ן אויסנאַם פון איין נסיון איינמאָל אין לעבן. אַ **מענטש איז דאָ געקומען מיט אַ באַשטימטע צאָל יאָרן, פאר איין תכלית, אַז ער זאָל אָנקומען צו קרבת אלקים**, אַמאָל דורך אַזאַ סאָרט וועג און אַמאָל דורך אַן אַנדערע סאָרט וועג, אָבער ער איז אַלעמאָל פּונקט אינמיטן די לאַנגע מעשה.

## אַ מעשה מיט אַ נייעם שטריימל...

אַ יונגערמאַן פון ארץ ישראל האָט לעצטנס דערציילט אַ מעשה, וואָס ברענגט זייער שטאַרק אַרויס די אויבנדערמאַנטע נקודה:

ער האָט געדאַרפט אַמאָל פאָרן אין אַ פרייטאָג ערש"ק, מיט די גאַנצע משפחה פון איין שטאָט צו אַן אַנדערן. איז געווען חילוקי דעות צווישן אים מיט זיין ב"ב, אויב מ'זאָל ענדערש דינגען אַ קאַר סערוויס וואָס וועט זיין אַסאַך גרינגער, אָדער זאָל מען זיך שלעפּן מיט'ן באָס, וואָס איז ביליגער. ער האָט למעשה מחליט געווען אַז מ'גייט זיך שפּאָרן געלט און מ'וועט גיין מיט'ן באָס.

פרייטאָג נאָכמיטאָג האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ רעגן, און אַזוי האָט די גאַנצע משפחה געקלעטערט צום לעצטן באָס סטאַנציע מיט אַ זאָרג: **ווער ווייסט צי מ'וועט בכלל האָבן פּלאַץ וואו צו זיצן אויף דעם**

**באָס?!** פרייטאָג נאָכמיטאָג איז דאָך געוויינליך אָנגעלייגט, בפרט אַז ס׳איז די לעצטע סטאַפּ. האָט ער געזאָגט פאַר זיינע קינדער: ״קומט, לאָמיר אַלע דאַווענען אַז מ׳זאָל האָבן גענוג פּלאַץ אויפ׳ן באָס״.

ווען אַ מענטש האָט געלט, געדענקט ער נישט אַז ס׳איז דאָ אַ רבוש״ע. **וואָס איז דער פּראָבלעם?! מ׳וועט צאָלן נאָך 200 שקל און דער קאַר וועט אָפּוואַרטן...** אָבער דער יונגערמאַן וואָס שלעפּט זיך מיט די קינדער אינעם רעגן, ער רעדט מיט׳ן רבוש״ע און ער זאָגט אויך פאר זיינע קינדער צו רעדן מיט׳ן אויבערשטן...

דערציילט דער איד ווייטער, אַז למעשה איז די האַלבע באָס געווען ליידיג. הפלא ופלא! די משפּחה האָט זיך פּלאַצירט בריווח און זיי האָבן געדאַנקט דעם אויבערשטן זאָגנדיג: ״זעסט אַז תפלות העלפן״. אָבער שפּעטער, ווען מ׳איז אָנגעקומען אין שטאָט האָט דער דרייווער געמאַכט אַ טעות, ער איז פאַרפאָרן צו אַן אַנדערע געגנט, און ער האָט נישט געהאַלטן ביים צוריקפאָרן. ער האָט זיי געמאָלדן: ״איך האָב שוין געענדיגט, איך לייג אייך אַלע אַראָפּ דאָ, און גיט זיך אַן עצה״...

ס׳האָט נישט געהאָלפן אַלע הפצרות. זיי האָבן געמוזט אַראָפּגיין מיט עטליכע שלאָפעדיגע קינדער און מיט אַלע פּעקלעך און זעקלעך, אַזוי אינמיטן דעם וועג, אין אַ גאָס רעגן און בלאָטע. **די באָס פאָרט אַוועק און דער יונגערמאַן כאַפּט זיך אַז פון גרויס בהלה האָט ער איבערגעלאָזט זיין שטריימל אויפ׳ן באָס.** יעצט איז עטליכע קורצע שעה בעפאָר שבת און ס׳איז נישטאָ אפילו צו וועמען צו רעדן דערוועגן.

דער יונגערמאַן דערציילט אַז דעמאָלט בשעת מעשה האָט ער געשפּירט אַ צעמישטע הרגשה: **דער רבוש״ע האָט מיר יאָ געהאָלפן אָדער נישט געהאָלפן?!** קודם האָט ער מיר געהאָלפן צו האָבן אַ באַקוועמען באָס, כדי נאָכדעם מיר צו אַראָפּוואַרפן אַלע טרעפּ?!

וואָס איז אָבער געווען דער סוף? נאָכ׳ן אָנקומען צו זיין דעסטינאַציע האָט דער יונגערמאַן אָנגעהויבן זוכן וואו מ׳קען יעצט באָרגן אַ שטריימל. ער האָט אָנגערופן אַ שטריימל גמ״ח אָבער יענער האָט שוין אַלעס אַוועקגעגעבן; ער האָט גערעדט מיט אַ שטריימל מאַכער אָבער יענער האָט אויך גאָרנישט געהאַט. ביז ממש האַרט פאר שבת האָט ער זיך פאַרבינדן מיט אַ קרוב משפּחה וואָס איז ב״ה שטאַרק פאַרמעגליך און ער האָט אים געפרעגט צי ער האָט אפשר אן איבריגע שטריימל. יענער האָט אים געענטפערט אַז ער האָט עטליכע שטריימלעך, און ער קען קומען אויסקלייבן וועלכע ער וויל נעמען.

ער איז טאַקע אַריבערגעגאַנגען צו זיין קרוב, וואו ער האָט געטראָפן אַ צוגעפּאַסטע הערליכע שטריימל און ער האָט דאָס טאַקע געטראָגן אַגאַנץ שבת. נאָך שבת האָט דער קרוב זיך פאַראינטערעסירט צי דאָס שטריימל איז אים גוט געשטאַנען, און דער יונגערמאַן האָט זיך באַדאַנקט אַז ס׳איז געווען אַ ׳פּאר והדר׳ לכבוד שבת קודש. זאָגט אים דער פאַרמעגליכער קרוב: ״אויב אַזוי, טו מיר אַ טובה און האַלט דאָס שטריימל פאַר דיר, איך דאַרף עס נישט האָבן. איך האָב גענוג איבריגע שטריימלעך״...

ער האָט באַקומען פאר בחנם אַ פּרעכטיגן טייערן שטריימל אויף שבת, וואָס ער וואָלט זיך קיינמאָל נישט געקענט אַליין ערלויבן.

## זיך נישט פאַרלירן אינמיטן די מעשה

וואָס איז די לימוד פון דער מעשה?! **דער לימוד איז, אַז מיר פאַרלירן זיך אינמיטן.** ס׳איז נישטאָ קיין חילוק צווישן די מעשה און אַלע אונזערע מעשיות וואָס פּאַסירט טאָג טעגליך. ווען מ׳טרעפט זיך אינמיטן אַ פּראָבלעם זאָגט מען: כ׳בין געווען זיכער אַז דער אויבערשטער בויעט מיך אויף. כ׳האָב געזען אַז כ׳בין מצליח אין ביזנעס, און כ׳האָב געמיינט אַז אַלעס וועט גיין העכער. דער רבוש״ע האָט מיר געברענגט ביז דאָ כדי מיר צו אַראָפּוואַרפן אַלע טרעפּ?! פּונקט ווען כ׳דאַרף חתונה מאַכן מיינע קינדער איז אַלעס געוואָרן איבערגעדרייט?! פאַרוואָס האָט ער מיר פאַרלאָזט?!

דער רבוש״ע האָט דיך נישט פאַרלאָזט! **דו ביסט פּשוט אינמיטן די מעשה. וואַרט אויס מיט סבלנות,** גלייב, וועסטו זען אַז ׳כל קוויך לא יבושו׳!

אַ איד דאַרף זיך קענען אַוועקשטעלן אויפ׳ן טיש בפני כל עם ועדה און זאָגן: איר זעט מיר?! **איך האָב נישט קיין מורא, ווייל דער אויבערשטער גייט מיר נישט פאַרלאָזן!** אַ מענטש דאַרף דאָס קענען זאָגן מיט אַזאַ זיכערקייט און קלאָרקייט, ׳להודיע׳ - צו אויסרופן פאר יעדן וואָס זוכט חיזוק אין אמונה ׳לראות היעמדו דברי מרדכי׳ - **איך ווייס נישט וועגן ענק, אָבער ביי מיר איז זייער קלאָר אַז השי״ת גייט מיר נישט פאַרלאָזן.**

און ווען אַ איד האָט אַזאַ שטאַרקע בטחון, וועט ער שפּעטער קענען מאַכן דעם צווייטן חלק פון ׳ורבים מעמי הארץ מתיהדים׳ - ווייל מענטשן וועלן זען אַז דער מהלך אַרבעט פעסט! אַ איד וואָס פאַרלאָזט זיך אויפ׳ן אויבערשטן, אפילו ווען ער זעט נישט קיין שום ישועה, פאַרלאָזט אים דער אויבערשטער קיינמאָל נישט!

# על הנסים ועל הנפלאות

## נזכרים ונעשים בכל דור;

פורים אַנטפּלעקט די מדת הרחמנות נאָכ׳ן חטא

מתוך שיעור, יום רביעי פרשת תצוה ח׳ אדר תשפ״ג

א

# וטובה אני בעיניו; די מורא׳דיגע רחמנות וואָס איז נתגלה געוואָרן ביים נס פּורים

## פון מגילת אסתר לערנט מען די מדות פון השי״ת

מיר ווייסן אַלע, אַז דער רצון פון השי״ת איז אַלעמאָל, אַז **ווען מ׳לערנט די הייליגע תורה זאָל מען פון דאָרט זיך אָפּלערנען די מדות פון הקב״ה.** מיר האָבן דאָך נישט קיין השגה אין דעם רבוש״ע אַליין, אָבער **דערפאַר דערציילט אונז דער אויבערשטער אין דער תורה וויאַזוי ער פירט זיך,** ווייל ער וויל אַז ס׳זאָל זיין: **׳ללכת בכל דרכיו׳** (דברים יא, כב), און ווי דער **ספרי** דרש׳נט אויף דעם פּסוק: ׳מה הוא רחום וחנון, אף אתה רחום וחנון׳.- מיר זאָלן זיך פירן מיט זיינע הנהגות און מיר זאָלן גיין בדרכיו של הקב״ה.

ווען אסתר המלכה האָט געשריבן מגילת אסתר, איז דאָס אויך געוואָרן אַ חלק פון דער תורה. **די מעשה פון דער מגילה איז אַצינד אויך געוואָרן אַ מקום פון וואו מ׳לערנט אַרויס די וועגן פון השי״ת.** און ווען מ׳ליינט די מגילה, איז דאָס נישט סתם אַז מ׳האָט דערציילט אַ מעשה, נאר ס׳גייט אַריין אין דער נשמה צו גוט דערהערן די מדותיו של הקב״ה. דערפאַר האָט טאַקע אסתר המלכה געבעטן ׳קבעוני לדורות׳, ווייל זי האָט געוואוסט אַז מ׳קען פון דאָ לערנען אויף לדורות וויאַזוי דער רבוש״ע פירט זיך כביכול.

## די הויכע מדת הרחמים נאָכ׳ן חטא

איינס פון די יסודות וויאַזוי דער רבוש״ע איז זיך מתנהג מיט דער בריאה, איז **זיין געוואַלדיגע רחמנות, אויך נאָכדעם וואָס דער מענטש האָט געזינדיגט.** ווי **חז״ל** (ר״ה יז, ב) דרש׳נען פון דעם פּסוק וואָס שטייט ביי די י״ג מדות של רחמים: ׳ה׳ ה׳ קל רחום וחנון׳. פאַרוואָס שטייט צוויי מאָל דער שם הוי׳?! ווייל דאָס ערשטע באַדייט: **׳אני הוא קודם שיחטא האדם׳,** און דאָס צווייטע איז אַ נייע מדה פון שם הרחמים: **׳ואני הוא לאחר שיחטא האדם׳.**

דאָס הייסט אַז ס׳איז דאָ ביים אויבערשטן די געוועגליכע הנהגה פון מדת הרחמים, וואָס דורכדעם פירט ער די בריאה ווי מיר זאָגן ׳ברוך מרחם על הבריות׳. אָבער אויסערדעם איז דאָ נאָך אַ מדה ביים רבוש״ע, **וואָס דאָס ברענגט אַרויס אַסאַך אַ שטאַרקערע רחמנות:** ווען ס׳קומט אַ ׳נברא׳ און ער איז חלילה מורד אין דעם ׳בורא׳, פירט זיך דער אויבערשטער מיט אים דורך אַ נייע מדת הרחמנות! **דאָס איז אַסאַך אַ העכערע דרגא פון רחמים,** ווייל דער רבוש״ע איז עס נישט תולה בלויז אויב דער מענטש האָט זיך געפירט ווי ס׳דאַרף צו זיין, נאר השי״ת איז זיך מרחם אויף זיינע ברואים, **אפילו טאָמער דער מענטש האָט זיך פאַרזינדיגט.**

דער ספר **׳מכתב מאליהו׳** (ח״ב עמו׳ 85) איז מסביר אַז דערפאַר האָט געדאַרפט זיין אַ נייע מדה פון ׳ה׳ לאחר שיחטא האדם׳, טראָצדעם וואָס ס׳איז אויך פון די מדת הרחמנות, וויבאַלד **דאָס איז אַ ספּעציעלע הויכע בחינה פון חסד** וואָס דער רבוש״ע איז זיך מרחם אפילו

נאָכדעם וואָס דער מענטש האָט חוטא געווען. ווען אַ איד טוט תשובה איז דער אויבערשטער משפיע אויף אים חסדים, **כאילו דער מענטש וואָלט בכלל נישט געזינדיגט!** טאָמער אַ איד וויל צוריקקומען וועט דער אויבערשטער אים אָננעמען 'כאילו לא חטא כלל', און דאָס איז טאַקע אַ דרגא מיוחדת אין דעם גילוי פון די חסדי ה'.

## די נס פון מגילת אסתר האָט פּאַסירט 'אחר שיחטא האדם'

ווען מ'נעמט אַריין דעם אור וואָס ליגט אין 'מגילת אסתר', זעט מען אָט די נקודה אויפ'ן גרעסטן פאַרנעם. די מגילה האָט געדאַרפט פאַרשריבן ווערן אויף לדורות, אַלס אַ חלק פון דער תורה, כדי **אַז דער איד זאל דאָס גוט דערהערן און פאַרשטיין די מדת הרחמנות** וואָס דער אויבערשטער האָט 'אפילו לאחר שיחטא'. און דאָס וועט ברענגען אַז דער מענטש זאָל זיך אָפּלערנען די ריכטיגע הנהגה וואָס ער דאַרף טון 'בין אדם לחבירו' - וויאַזוי ער דאַרף זיך פירן צו יענעם, אויך נאָכדעם וואָס יענער האָט אים באַ'עוול'ט.

דאָס איז דאָך די מעשה פון מגילת אסתר. **גלייך אין דעם ערשטן קאַפּיטל הייבט זיך אָן אַז ס'איז נעבעך געווען שטאַרקע חטאים. חז"ל** (מגילה יב, א) דערציילן אַז ס'איז דאָרט געווען דברים חמורים ביותר פון עבודה זרה און גילוי עריות. אידן האָבן געזינדיגט און ס'איז געווען אַ שטאַרקע מרידה קעגן דעם אויבערשטן רח"ל.

## אינמיטן סעודת אחשורוש האָט שוין השי"ת מסבב געווען די ישועה

אָבער ווי דער הייליגער **חתם סופר** (תורת משה, אסתר) ברענגט אַרויס, איז די גרעסטע נס פון דער מגילה טאַקע דער חלק, אַז **בשעת אידישע קינדער האבן געהאלטן אינמיטן דעם חטא**, ביי דער סעודה פון אחשורוש, **האָט שוין דער אויבערשטער געדרייט די מעשה** אַז מ'זאָל הרג'נען ושתי, כדי אַז נאָכדעם זאל אַרויסקומען דערפון אַ ישועה.

מ'האָט נאָכנישט תשובה געטון, **אָבער דער אויבערשטער ווייסט דעם אמת אַז זיי גייען צוריקקומען**, און ער שטעלט צו, אַ סייעתא דשמיא אַז זיי זאָלן קענען מצליח זיין צו תשובה טון, **און ער העלפט זיי מיט רחמנות טראָצדעם וואָס זיי זענען חוטאים!** מגילת אסתר איז אַ גילוי פון אָט דעם צווייטן שם פון די י"ג מדות הרחמים!

## ווען מ'דערציילט די מעשה איז עס מעורר מדת הרחמים

דאָס איז די פּשוט'ע פּשט פון וואָס ס'שטייט אין **ספרים הק'** (מאור ושמש רמזי פורים) אַז בשעת מ'לייענט די מגילה ווערט נתעורר די י"ג מכילין דרחמי, ווייל דאָס איז ממש וואָס מיר טוען ביי קריאת המגילה. **מיר דערציילן און מ++**נַצע נקודה פון דער מעשה איז ווי שטאַרק השי"ת איז 'קרוב אלינו בכל קראינו אליו', **אפילו ווען מען זינדיגט!** ער האָט רחמנות און ער זוכט וויאַזוי אונז מוחל צו זיין און פאַרבעסערן און מיט דעם **זענען מיר מעורר די הנהגה פון רחמנות 'לאחר שחטא האדם'**.

## אַרויסברענגען 'שבחו של מקום' ערוועקט די מדה

ווען מיר דאַווענען שמונה עשרה און מ'בעט די אַלע מורא'דיגע בקשות פון 'השיבנו אבינו לתורתך', און 'סלח לנו', איז מען נישט אַלעמאָל משים לב אַז **די אויספיר פון דער ברכה איז אַזאַ גרויסער שבח פאַר'ן רבוש"ע!** מיר זענען מכיר און מיר דאַנקן דעם אויבערשטן אַז ער איז 'הרוצה בתשובה', אַז ער איז 'חנון המרבה לסלוח', א.א.וו.

דער **משנה ברורה** (סימן קא, סק"א) ברענגט טאַקע בשם דעם **רוקח**, אַז מ'דאַרף זיך אָפּשטעלן איידער יעדעס מאָל וואָס מ'זאָגט 'ברוך אתה' און מ'זאָל דאָרט ספּעציעל שטאַרק אינזין האָבן, ווייל **ס'האָט נישט קיין פּשט אַז מ'האָט מער אינזין ווען מ'בעט אויף די צרכים ווי ווען מ'דאַנקט השי"ת.** הגם אַז ס'איז טאַקע רוחניות'דיגע צרכים פון תשובה וכפרה, אָבער למעשה איז אַסאַך וויכטיגער צו לויבן און דאַנקן דעם אויבערשטן ביי דער חתימה פון יעדע ברכה, וואו מ'ברענגט אַרויס אַז דער רבוש"ע איז דער מקור פון תשובה; ער העלפט אַז מ'זאָל תשובה טון אפילו נאָכ'ן חטא, חנון המרבה לסלוח; און **ווען מיר זענען מכיר אין דעם שבח, איז מען דורכדעם מעורר די מדה פון ה' לאחר שיחטא האדם'**, אַז דער רבוש"ע זאל טאַקע העלפן דעם איד תשובה טון, ער זאָל אים רייניגן און אים מקרב זיין.

## פּורים איז צושטאַנד געקומען נאָכ'ן חטא

די גאַנצע מגילה פון אָנהויב ביז'ן סוף, **דערציילט אָט דעם גרויסן שבח.** אין דער מגילה דערציילט מען אַז השי"ת האָט אַזאַ מדה פון 'אני הוא אחר שיחטא האדם'. מיר דערציילן אַז דער אויבערשטער איז זיך אַלעמאָל מרחם און זוכט וועגן וויאַזוי אונז צו העלפן, **ווייל ער האָט מורא'דיג שטאַרק ליב כלל ישראל**, און אפילו ווען ס'איז דאָ ביי זיי אַן ענין פון חטא, וועט ער אַלעס טון זיי צו העלפן און צוריקברענגען מיט רחמנות.

פּורים איז מגלה אַ מורא'דיגע מדת הרחמים, ס'איז אַ טאָג וואָס איז צושטאַנד געקומען **דוקא נאָכדעם וואָס אידן האָבן געזינדיגט** און אפילו דעמאָלט האָבן זיי זוכה געווען צו אַ ישועה. דוקא אין דעם מצב איז נתגלה געוואָרן דער 'כל הפושט יד נותנים לו'!

ב

# קבלוה מאהבה; פּורים דערהערט מען אַ נייע טיפקייט אין דער אהבת ה' לעמו ישראל

## רחמנות אָן קיין גבול

עס שטייט אין ספה"ק **קדושת לוי** (קדושה ראשונה לפורים) אַז קריאת המגילה האָט אַ גרעסערע השפּעה אויפ'ן מענטש פון אַנדערע לימוד התורה, און דערפאַר איז די הלכה אַז (מגילה ג, א): **'מבטלין תלמוד תורה מפּני קריאת המגילה'**. די סיבה דערצו איז, ווייל אין אַזאַ מצב פון חטא, איז דאָ אַסאַך אַ גרעסערע גילוי פון דעם אויבערשטנ'ס מדת הרחמים. מ'זעט אַסאַך מער די רחמנות וואָס האָט נישט קיין גבולים.

ווען אַ איד לערנט אין די תורה איבער דעם נס פון קריעת ים סוף, ווערט ער שטאַרק נתרגש. אָבער פּונקט אַזוי דאַרף מען ווערן נתרגש **ווען מ'לערנט די מגילה און מ'זעט אַז דער רבוש"ע העלפט פאר אַ מענטש וואָס האָט געזינדיגט**, ער האָט רחמנות אויף אים און ער גיבט זיך אָפּ מיט אים.

דאָס איז ממש אַ נס שלא כדרך הטבע, ווייל דער עולם הטבע קען נישט סובל זיין אַזאַ הנהגה. די טבע זאָגט: "אמת טאַקע אַז ס'איז דאָ אַ מדה פון רחמנות, אָבער רחמנות האָט אויך אַ גבול"... **קומט די מגילה און שרייט אויס אַז דעם אויבערשטנ'ס רחמנות האָט נישט קיין שום גבול!** מ'זעט דאָ אַ געוואַלדיגע גילוי, נישט בלויז אויף די מדת הרחמנות, נאר ס'איז אַ גילוי אויף דעם אויבערשטנס גרויסקייט, אַז ער האָט אַזאַ רחמנות אָן קיין גבולים.

## אַ טונקעלע וועלט פול מיט נסיונות

אַז מ'קוקט זיך אום זעט מען אַז דער אויבערשטער האָט דוקא באַשאַפן אַזאַ סאָרט וועלט, כדי אונז צו אויסלערנען אָט דעם יסוד. **דער רבוש"ע האָט באַשאַפן אַ וועלט פול מיט חושך**, פול מיט חטא, פול מיט יצר הרע, פול מיט סטרא אחרא, און פול מיט תאוות. ס'איז אַ וועלט וואו ס'איז בכלל נישט גרינג אים צו דינען, אין לך יום שאין קללתו מרובה מחברתו.

מענטשן מיינען אַז דאָס איז אַ קשיא. זיי זאָגן דעם מאמר חז"ל (סוכה מה, ב) 'ראיתי בני עלייה והן מועטין' מיט אַ לשון בתמיה... פאַרוואָס טאַקע?! **פאַרוואָס זאָל נישט זיין אַ וועלט וואו ס'זאָל זיין אַביסל גרינגער צו שטייגן?!** דער מענטש פאַרלאַנגט נישט אַז ס'זאָל זיין אַ בריאה מיט ממש נאר 'עובדים', אָבער פאַרוואָס זאָל נישט זיין כאָטש ניינציג פּראָצענט 'עובדים'...

## אַ צעפּאָרענע ישיבה...

ווען איינער עפענט אַ ישיבה, וויל ער געווענליך אַז ס'זאָל זיין בלויז פאר מצוינים, כידוע. ער וויל אַז רוב בחורים זאלן זיצן און לערנען פלייסיג. אַלעמאָל וועט זיין עטליכע בחורים וואָס דרייען זיך אינדרויסן ביי דער קאַווע, דאָ דאָרט דאַרף מען אַמאָל אַריינעמען אַ שוואַכערן בחור צוליב פּראקטעציע, אָדער ווייל מ'האָט געוואָלט אַז זיין יונגערע ברודער זאָל אויך אַריינקומען... **אָבער מער ווייניגער קלאַפּט די ישיבה.** דער עולם איז דאָ אין צייט; דער עולם לערנט און פירט זיך פיין.

אויב וועט איינער עפענען אַ ישיבה, וואָס ס'קוקט דאָרט אַלעמאָל אויס ווי אינמיטן 'בין הזמנים'; איין בחור קומט שפּעט, דער צווייטער לייגט יעצט תפילין, און דער דריטער וואַרפט צעטלעך, דעמאָלט קען ער יעצט פאַרמאַכן זיין ישיבה.

דער רבוש"ע האָט אָבער באַשאַפן **אַ וועלט וואָס קען צומאָל אויסקוקן אַזויווי די צווייטע סאָרט ישיבה!** ס'איז טאַקע דאָ אַסאַך ערליכע אידן, יראים ושלמים, אָבער פּראָצענטועל זאָגט שוין די גמרא 'ראיתי בני עליה והן מועטין'. **רוב מענטשן**

**אבער דער אויבערשטער ווייסט דעם אמת אַז זיי גייען צוריקקומען**

**פּרובירן און זיי פּאַלן דורך...** דער משגיח פרעגט אים: פאַרוואָס ביסטו אָנגעקומען צען אַזייגער? זאָגט דער בחור: כ'האָב פּרובירט... דער עולם פּרובירט. פאַרוואָס איז דאָס נישט קיין דורכפאַל?!

### דער תכלית איז צו רחמנות האָבן לאחר החטא

איר ווייסט פאַרוואָס דאָס איז בכלל נישט קיין דורכפאַל?! ווייל **דער רבוש"ע האָט דירעקט באַשאַפן אַ וועלט פון חושך**, וואו דער יצר הרע גיט זיך אָפּ מיט אַ 'טיפול מיוחד' מיט יעדן מענטש, און **דאָס איז דער תכלית**, כדי צו קענען מגלה זיין די מדה פון רחמנות 'אחר שחטא האדם'!

ווען דאָס וואָלט נישט געווען דער תכלית, וואָלט מען געקענט פרעגן: **קענסט מיר זאָגן וואָס דער יצר הרע פאַרדינט פון פאַרנאַרן דעם איין יונגערמאַן?!** ער האָט מיליאָנען מענטשן אויף דער וועלט וואָס פאָלגן אים, פאַרוואָס דאַרף ער יעדן טאָג אויך זיך אָפּגעבן מיט יעדן פּריוואַטן מענטש?! **דו האסט געגוג חברה וואָס דו קענסט אַרבעטן זיי מכשיל צו זיין, לאָז אים שוין אָפּ!** יעדן טאָג דאַרפסטו אים נאָכלויפן און נישט איינמאָל אין טאָג, נאר אַגאַנצן טאָג?!

נאָר ווייזט אויס, אַז **אויב דער מענטש איז זיך מתגבר אפילו אויף אַ קליינינקייט איז דער יצר הרע פאַרלוירן.** יעדער מענטש דאַרף דורכגיין מצבים פון חושך יעדן איינציגן טאָג און זיך כסדר מחזק זיין, און דער רבוש"ע האָט באַשאַפן אַ וועלט פון חושך, **ווייל דאָס ברענגט אַרויס די ליכטיגקייט פון השי"ת אויף אַסאַך אַ שטאַרקערן אופן!**

ווען מ'זעט אַ מענטש וואָס איז שוין ליידער געווען פאַרזונקן אין נישט גוטע פלעצער, אָבער ער בעט זיך ביים רבוש"ע: העלף מיר צוריקקומען! און דער אויבערשטער העלפט אים טאַקע מיט אַזאַ רחמנות, נאָך איידער דער מענטש איז גענצליך צוריקגעקומען בתשובה שלימה, **איז דאָס אַ מציאות פון אַ געוואַלדיגע 'גילוי אור', וואָס קען נאר אַרויסקומען פון דעם פינסטערניש.** - 'לית נהורא אלא מגו חשוכא'.

### מגילה שיינט אַראָפּ רחמים אפילו אויף די חוטאים

עס שטייט אין ספה"ק **ברית כהונת עולם** (פון הרה"ק רבי **יצחק אייזיק כ"ץ** אבד"ק קאָריץ, תלמיד **המגיד ממעזריטש** זי"ע) אויף די משנה אין אָנהויב מסכת מגילה: '**מגילה נקראת בי"א בי"ב בי"ג בי"ד בט"ו, לא פחות ולא יותר**'.

זאָגט דער ברית כהונת עולם אַז די סך הכל פון י"א, י"ב, י"ג, י"ד און ט"ו' **איז בגימטריא 65** - אַזוויוי דער שם '**אדנ"י**'. און די סך הכל פון די צוויי טעג 'י"' און 'ט"ז' (וואָס אויף דעם שטייט אין דער משנה 'לא פחות ולא יותר') איז **בגימטריא 26** - אַזוויוי דער שם **הוי'**.

דאָס זאָגט די משנה: ווען מ'ליינט די מגילה קומט אַראָפּ אַ גילוי פון דעם שם אדנ"י, און נישט פון דעם שם הוי', ווייל **דער שם אדנ"י איז מגלה אַ ליכטיגקייט אַז השי"ת העלפט און האָט רחמנות אפילו אויף די חוטאים.** דאָס איז אַסאַך אַ גרעסערע רחמנות!

### די 'חמלה גדולה ויתירה' נאָכ'ן זינדיגן

ביי דער ברכה פון 'אהבת עולם', זאָגן מיר אַסאַך לשונות פון די ליבשאַפט וואָס השי"ת האָט צו אידישע קינדער: **אהבת עולם אהבתנו ה' אלוקינו חמלה גדולה ויתירה חמלת עלינו.**

דער **גר"א** טייטשט אָפּ די ווערטער, אַז בימי האבות האָט השי"ת אונז געוויזן **זיין 'אהבה'**. שפּעטער ווען ער האָט אונז אַרויסגענומען פון מצרים און געגעבן די תורה האָט ער מגלה געווען **זיין 'אהבה רבה'**. נאָכדעם וואָס אידן האָבן געמאַכט דעם עגל און השי"ת האָט געזאָגט 'רגע אחד אעלה בקרבך וכליתיך', און דאָך האָט ער זיי מוחל געווען, איז געווען **אַ 'חמלה גדולה'**. און נאָך שפּעטער, ווען השי"ת האָט אונז געגעבן די לוחות שניות און ער האָט אונז געהייסן מאַכן אַ משכן כדי צו רוען צווישן אונז, איז דאָס שוין געווען **אַ 'חמלה גדולה ויתירה חמלת עלינו'!**

אידן זענען געווען זיכער אַז ס'איז געענדיגט, מ'האָט זיך פאַרפאַטשקעט אַזוי מיאוס און אַזוי נידריג. **ס'איז דאָך בזיונות.** אָבער דער רבוש"ע איז צוריקגעקומען און געזאָגט: **איך וויל זיין מיט אייך 'לאחר החטא', קומט לאָמיר בויען אַ משכן!** "וואָס? אַ משכן מיט אונז?" - **יאָ! איך וויל וואוינען מיט אייך!**

מ'קען זיך נישט פאָרשטעלן די גרויסע אהבה! און **דאָס וואָלט קיינמאָל נישט אַרויסגעקומען ווען נישט דעם חטא.** מיר וואָלטן קיינמאָל נישט געוואוסט און דערהערט ווי שטאַרק ס'איז די ליבשאַפט און די מדת הרחמים פון השי"ת.

### ביי 'מודים' דאַרף מען דאַנקן אויף אָט די טיפע אהבה

דאָס איז אַ חלק פון לימוד התורה, וואָס **מיר דאַרפן לערנען און נתפעל און נתרגש ווערן דערפון.** מיר זאָלן נישט אויפהערן דאַנקן דעם רבוש"ע אויף דעם וואָס ער גיט זיך אָפּ מיט אונז אפילו נאָכ'ן חטא.

מיר געדענקן נישט צו דאַנקן דערויף. ווען מ'זאָגט מודים דאַנקט מען אַז מ'האָט ב"ה געלט, מ'האָט ב"ה אַ שטוב, מ'האָט ב"ה קינדער, און אַזוי ווייטער, אָבער **מ'דאַרף אויך דאַנקן אויף דעם וואָס השי"ת פאַרלאָזט אונז קיינמאָל נישט!**

### די דאַנקבאַרקייט געפיל ווען מען דערוואוסט זיך דעם סוד

דאָס איז אַזויווי ביי אַ שלום בית פּאַל, וואו איינער פון די צוויי צדדים ווייסט זייער גוט אַז זיי האָבן זיך אויפגעפירט זייער אומריכטיג, זיי זענען אַרויס פון אַלע גבולות, און **יענער וואָלט געהאַט אַלע סיבות אויף דער וועלט אָפּצולאָזן דעם קשר.** אָבער אויב יענער לאָזט נישט אָפּ שפּירט מען אַ געוואַלדיגע הכרת הטוב.

דער נמשל איז כביכול, אַז דער רבוש"ע לאָזט אונז קיינמאָל נישט אָפּ! אדרבה, **אין די סאָרט מצבים קומט אַרויס נאָך אַ גרעסערע מדת הרחמים.** און ווען אידן האָבן דאָס דערהערט ביי דעם נס פּורים האָט דאָס ווירקליך געברענגט אַ תוצאה פון 'קבלת התורה באהבה'!

ביים מעמד קבלת התורה, ווען דער אויבערשטער האָט געזאָגט 'והייתם לי סגולה', **האָבן אידן נאָכנישט געכאַפּט דעם עומק פון דער אהבה**, ווייל זיי זענען נישט געווען אין אַזאַ נידריגע פּלאַץ. הערשט ביי דער מעשה פון דער מגילה, ווען זיי זענען געווען אַזוי געפאַלן און אַזוי טיף, **דעמאָלט האָבן זיי געכאַפּט אַז איך בין דער מענטש וועמען השי"ת לאָזט קיינמאָל נישט איבער!** זיי האָבן געזען בחוש וויאַזוי דער אויבערשטער האָט געמאַכט אַ 'ונהפוך הוא', אַז ס'זאָל ווערן 'זדונות נעשין להם לזכיות', און וויאַזוי אַלעס איז געוואָרן איבערגעדרייט לטובה. ווען אַ איד שפּירט אָט די געוואַלדיגע אהבה, ווערט ער מורא'דיג איבערגענומען און ער וויל דינען דעם רבוש"ע מיט אַ 'הדר קבלוה מאהבה'.

## משלוח מנות ומתנות לאביונים; זיך אָנשליסן אין דער קהלה פון דעם אויבערשטן

### דורך די 'מצוות היום' טוען מיר די מדות פון השי"ת

ס'איז דאָ נאָך אַ חלק פון דעם יו"ט פּורים, וואָס איז **אַ דירעקטע תוצאה פון די אויבנדערמאַנטע הבנה.** דאָס זענען די מצוות פון 'משלוח מנות איש לרעהו' און 'מתנות לאביונים'.

דער רבוש"ע דערציילט אונז זיינע מדות, **ווייל ער וויל אַז מיר זאָלן זיך אויך אַזוי פירן.** דאָס גייט אונז ברענגען צו אונזער שלימות און צו אונזער דביקות. אַ איד קען נישט אָנקומען צו דביקות אין דעם רבוש"ע - און בעיקר רעדט מען וועגן די נצחיות'דיגעד דביקות לאחר מאה ועשרים שנה - אויב ער איז זיך נישט מדבק אין די מדות פון השי"ת.

### דער מנהג אין דער קהלה איז צו מטיב זיין 'לאחר החטא'

לאָמיר זיך פאָרשטעלן: ווען אַ מענטש וועט אַרויפקומען אויבן אין הימל, וועט ער אודאי וועלן זיין אין דער קהלה פון דעם רבוש"ע. אָבער כדי נישט צו בלייבן שטיין אינדרויסן דאַרף מען זיך האָבן צוגעשטעלט צו דער קהלה... די קהלה פון השי"ת איז אַ חסידות מיט אַ דרך. מ'קען נישט קומען סתם אַזוי זאָגן: "מיין טאַטע איז שוין דאָ געווען, איך בין נאָך א חסיד פון דעם רבי'ן זי"ע..." ס'גייט נישט אַזוי. **יעדער מענטש דאַרף זיך אַריינפּאַסן אין דער קהלה מיט זיינע מדות און מיט זיינע תכונת הנפש.**

דו דאַרפסט האָבן די ריכטיגע דביקות אַז דו זאָלסט שטימען מיט דעם מהלך פון דער קהלה.

די מנהג פון דעם אויבערשטענ'ס קהלה איז, אַז **ווען אַ מענטש האָט דיך געטון אַן עולה, טוסטו אים צוריק אַ חסד!** איינער האָט דיך פאַרשעמט? איינער האָט גערעדט אויף דיר? איינער האָט דיר געלייגט פיסלעך? **האַסטו אים ליב און דו טוסט אים צוריק טובות.** אַזוי פירט מען זיך אין דער קהלה! אויב ביי אייך אין דער קהלה פירט מען זיך אַנדערש, קענט איר שטיין פון אינדרויסן.

## דער תכלית איז 'הדבק במדותיו'

דער רבוש"ע האָט אונז געזאָגט אַז מיר זאָלן זיך פירן בדרכיו, ווייל ער וויל אונזער טובה! דער גאַנצער **ספר תומר דבורה** איז געבויעט אויף דעם יסוד: אויב דו ווילסט זיך מדבק זיין אין דעם אויבערשטן, דאַרפסטו זיך אויפפירן לויט וויאַזוי דער אויבערשטער פירט זיך.

דערפאַר לייגט מען אריין דעם מענטש אין אַזאַ וועלט פון חושך, מיט אַלע סאָרט טענות און כעס אויף אַנדערע מענטשן, וואָס אַסאַך מאָל איז עס אמת'ע און גערעכטע טענות. און דער אויבערשטער זאָגט: **יעצט וועל איך דיר מגלה זיין וויאַזוי איך פיר זיך.** דער מענטש וואונדערט זיך: פאַרוואָס בין איך ראוי אַז דער אויבערשטער זאָל מיר אַנטפּלעקן זיינע מדות?! איך בין דאָך אַ פשוט'ער בשר ודם?! זאָגט דער אויבערשטער: **ווייסט פאַרוואָס איך דערצייל עס דיר?! ווייל כ'וויל דיר געבן די מעגליכקייט אַז דו זאָלסט זיך קענען מדבק זיין אין מיינע דרכים.** דערפאַר דערצייל איך דיר מיינע מדות, און יעצט ווערסטו עס קענען נאָכמאַכן. "ס'איז דיר שווער?! אָה, דאָס איז אונזער מנהג, אפילו ווען ס'קומט אָן זייער שווער"...

## אונזער הכרת הטוב פאַר השי"ת איז צו טון חסד מיט אַנדערע

ווען דער אויבערשטער פירט זיך מיט זיינע נבראים מיט דער מדה פון 'אני ה' לאחר שחטא', **איז דאָס די גרעסטע גילוי אויף למעשה.** ווייל דער מענטש זעהט עס נישט בלויז אין פסוק, נאָר **ער האָט עס מיטגעלעבט און געזען מיט די אויגן!** ער האָט בייגעוואוינט וויאַזוי דער אויבערשטער האָט אים נישט אָפּגעלאָזט אפילו נאָכדעם וואָס דער מענטש האָט געזינדיגט.

די שטאַרקסטע הכרת הטוב וואָס דו קענסט צוריק טון פאַר'ן אויבערשטן, איז **ווען דו ביסט זיך מרחם אויף אַ צווייטן וואָס האָט דיך וויי געטון, אָדער וואָס האָלט אַנדערש פון דיר.** אַזוי ביסטו זיך מדבק בדרכיו של הקב"ה, און די גרעסטע טובה טוסטו פאַר זיך אַליין, ווייל **דו האסט יעצט קונה געווען די הייליגע מדה!** וויאַזוי האָסטו דאָס קונה געווען? **ווייל ס'איז דיר געווען שווער, און האסט געצאָלט פאַר דער מדה.** האסט געצאָלט דורכדעם וואָס דו האסט זיך געבראָכן און האסט געטון גוטס מיט יענעם, האסט געשמייכלט צו אים, האסט אים געהאָלפן, **הגם יענער האָט דיך מצער געווען און יענער איז אין אַ פלאַץ פון 'אחר שחטא'.** ביסט נישט געווען קיין נוקם און נישט קיין נוטר, טראָצדעם וואָס ס'קאָכט זיך אינעווייניג אַזאַ רצון. דו האסט זיך יעצט געפירט בדרכיו של הקב"ה!

## מתנות לאביונים דוקא פאַר וועמען ס'איז שווער צו געבן

ווען אידן, בימי מרדכי ואסתר, האָבן דערהערט אָט די מדה פון השי"ת, האָבן זיי זיך טאַקע מקבל געווען זיך צו פירן אויף אַזאַ אופן דורך געבן 'מתנות לאביונים'. **חז"ל** זאָגן (ב"מ קיא, ב): אַז אַן 'אביון' איז ערגער ווי אַן 'עני', ווייל ער האָט ממש גאָרנישט. און **חז"ל** זאָגן אויך (נדרים מא, א): אַז די עיקר עניות איז בדעת.

דאָס הייסט אַז ווען מ'גיט געלט פאַר אַן אָרימאַן איז דאָס די חיצוניות'דיגע וועג וויאַזוי צו מקיים זיין די מצוה. אָבער ס'איז אויך דאָ אַ פנימיות, דאָס איז **ווען מען איז מטיב מיט אַן אַנדערן מענטש, טראָצדעם וואָס יענער איז נאַריש, טראָצדעם וואָס יענער האָט דיך באַ'עולה'ט,** און טראָצדעם וואָס דו האסט טענות ומענות אויף אים. ס'איז אַלעס אמת, אָבער ווען יענער וואָלט נישט געטון קיין שום עולה, **וואָלסטו נישט געהאַט קיין מעגליכקייט צו מקיים זיין מתנות לאביונים מיט אַזאַ הידור.** אדרבה, אויב דו שפּירסט אַז יענער האָט דיך וויי געטון, קענסטו יעצט ריכטיג מקיים זיין מתנות לאביונים!

## משלוח מנות - ליבשאַפט צווישן אידישע קינדער

דאָס איז אויך די באַדייט פון 'משלוח מנות', וואָס דער יסוד הדברים דערפון איז זייער פשוט, אַז **אידישע קינדער זאָלן זיך ליב האָבן;** זיי זאָלן אַרויסווייזן אַן אהבה איינער פאַר'ן צווייטן, און מבטל זיין די פירודים צווישן זיי.

צדיקים זאָגן (מנות הלוי, ט טז) אַז די מצוה פון משלוח מנות קומט **צו מתקן זיין דעם חטא פון 'מפוזר ומפורד בין העמים'.** מ'צעברעכט דעם חטא דורכדעם וואָס מיר זענען מרבה ריעות מיט אַנדערע. **מ'זוכט אויס אַ צעבראָכענעם איד,** וואָס אַסאַך מאָל איז יענער צעבראָכן ווייל קיינער קוקט נישט אויף אים אַגאַנץ יאָר, און **אַצינד גיט מען אים משלוח מנות,** מ'איז אים מטיב. אַזוי גייט מען בדרכיו של הקב"ה.

נקודה למחשבה

## אויב דער גוי האָט זיך מגייר געווען - קען דער איד זיכער ווערן אַ בעסערער איד!

ס'איז באַקאַנט דאָס וואָרט פון הגאון רבי **יוסף חיים זאננענפעלד** זצ"ל, אַז אויב אַ מקוה איז אַזוי גרויס, אַז ס'קען מאַכן פון אַ גוי זאל ווערן אַ איד, קען דאָס זיכער מאַכן אַז פון אַ איד זאל ווערן אַ בעסערער איד.

האָט צוגעלייגט דערויף דער משגיח, הגה"צ רבי **משה וואָלפסאָן** זצ"ל, אַז ביי פורים שטייט דאָך 'וְרַבִּים מֵעַמֵּי הָאָרֶץ מִתְיַהֲדִים', קען מען זאָגן די זעלבע זאַך: אַז פורים האָט געקענט מאַכן פון גוים זאל ווערן אידן, **קען דאָך פורים זיכער מאַכן אַז פון אַ איד זאל ווערן אַ בעסערער איד!**

דער טאָג איז מסוגל אַז יעדער איד זאל טאַקע קענען ווערן אַ בעסערער איד. **ער זאָל קענען אָנהויבן משתוקק זיין ווי אַ איד.** פורים האָט די מורא'דיגע סגולה צו אויפהייבן און מרומם זיין די אידישע אינערליכע נשמה!


### פטרון חודש אדר

נתנדב לזכות

**יואל צבי** בן **רבקה גענענדל**

לברכה והצלחה בכל העניינים

זכות לימוד תורה דרבים של אלפי ישראל יעמוד להם
להתברך בבני חיי מזוני רויחי מתוך בריות גופא ונהורא מעליא

### פטרון השבוע

נתנדב

לע"נ הרה"ג ר' **יעקב** בן ר' **עזרא** הרב מ'קאפיש זצ"ל
נלב"ע ט' אדר

לע"נ ר' **יהודה** בן ר' **מרדכי** ע"ה
נלב"ע ז' אדר



קול הבינני

ארה"ב 718.686.8300
א"י 072.257.7726
בריטניה 0204.586.2115
בלגיה 03.300.0223



### ניתן להשיג הגליון במקומות הבאים:

**באָרא פּאַרק**
ביהמ"ד סאטמאר 53 לאקער #62
ביהמ"ד קראסנא לאקער #166
ביהמ"ד ראחמיסטריווקא–ליד המקוה
ביהמ"ד טאהש–ליד המקוה
The Winery 18 Ave

**וויליאמסבורג:**
ביהמ"ד סאטמאר–בנין בראך–לאקער #213
ביהמ"ד בראשוב–לאקער 58
Central Market
ביהמ"ד וויען–שמש שטיבעל
ביהמ"ד קראלי–שמש שטיבעל

**מאנסי**
ביהמ"ד סאטמאר Monsey 13
ביהמ"ד דעלעטין
ביהמ"ד ראדאשיץ–Airmont
ביהמ"ד דאמבראווא
ביהמ"ד וויאל משה סאטמאר
ביהמ"ד ווילעדניק
ביהמ"ד נצח ישראל–פארשעי
ביהמ"ד הגדול וויזניץ 25 Phyllis Terrace

**קרית יואל**
ביהמ"ד אהל פיגא
ביהמ"ד בית אלעזר
ביהמ"ד בית מנחם זאב
ביהמ"ד ישמח משה
ביהמ"ד אבני צדק
ביהמ"ד רב טוב
ביהמ"ד בית דוד